Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

| № 107 | Łódź, Poniedziałek, 9 maja 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ג׳ אייר תרצ״ב | № 107 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — דרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# א חודש טרויער אין פראנקרייך

## מאָרגן ווערט געוועהלט א נייער פרעזידענט. — די קבורה פון דעם ערמאָרדעטען פרעזידענט. — נאַציאָנאַלער טרויער אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און בעלגיען. — וואָס איז געוועזן דער מערדער?

## די נעכטיגע וואהלען אונטער׳ן צייכען פון טרויער.

פּאַריז, 8. (ספּ. טעל.)

דער מיניסטאָרען־ראַט האָט בעשלאָסען צו רופען קיין ווערסייל אויף דינסטאַג, 2 נאָכמיטאָג די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג (סענאַט און פּאַרלאַמענט) כדי אויסצווועהלען אַ נייעם פּרעזידענט.

דער מיניסטאָרען־ראַט האָט בעשלאָסען, אַז די לוויה פון ערמאָרדעטען פּרעזידענט דומער קומט פאָר דאָנערשטאָג אויפ׳ן חשבון פון דער מלוכה.

נאָך אַ פייערליכער גאָטעסדינסט אין דער קירכע „נאָטר דאַם“ וועט דער פּרעזידענט קומען צו קבורה אין די קעלערען פון פּאַנטעאָן.

מאָנטאָג וועט דאָס פּאַריזער פּובליקום צוגעלאָזט ווערען צום קבר.

עס איז דערקלערט געוואָרען אַ נאַציאָנאַלער טרויער אויף אַ חודש צייט.

פּרעמיער טאַרדיע האָט אַרויסגעגעבען אַן אויפרוף צום פאָלק.

עס איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע קיין פּאַריז פון ענגלישען קעניג אַז ער קומט צו דער לויה.

### טרויער אין ענגלאַנד

לאָנדאָן, 8. (ספּ. טעל.) אין ענגלאַנד איז אויך דערקלערט געוואָרען אויף 14 טאָג אַ טרויער.

### טרויער אין בעלגיען

בריסעל, 8. (ספּ. טעל.) עס איז דערקלערט געוואָרען אין בעלגיען אַ טרויער אויף 8 טעג.

### געפונען ביים מערדער א קאָמוניסטישע לעגיטימאַציע

פּאַריז, 8. (ספּ. טעל.) דאָס פראַנצויזישע אינערן־מיניסטעריום האָט פערעפענטליכט אָפיציעל אַז בעת דער רעוויזיע האָט מען ביים מערדער געפינען אַ לעגיטימאַציע אויסגעשטעלט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּראָג.

### דער „קאָמאינטערן“ לייקענט

מאָסקווע, 8. (ספּ. טעל.) דער „קאָמאינטערן“ האָט פערעפענטליכט אַן אָפיציעלען קאָמוניקאַט אין וועלכען ער דערקלערט אַז גאָרגולאָוו איז קיינמאָל נישט געווען קיין מיטגליד אין קיין שום קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט קיין שום קאָמוניסטישע גרופּעס.

קיין שום קאָמוניסטישער יחיד האָט איהם אַפילו נישט געקענט.

דער קאָמוניקאַט איז אונטערגעשריבען דורך די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, איטאַליען און פּוילען.

### נאָך סאַראַיעוואָ האָט דער איצטיגער מאָרד געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק אין דער וועלט

לאָנדאָן, 8. (ספּ. טעל.) „דיילי עקספּרעס“ דערקלערט, אַז פון זיבט ווען עס איז אויסגעפיהרט געוואָרען דער פאַטאַלער מאָרד אין סאַראַיעוואָ, האָט די וועלט נישט געהאַט קיין שטאַרקערע אויפ־טרייסלונג, ווי די ידיעה וועגען דעם ערמאָרדען דעם פּרעזידענט דומער.

„מאָרנינג פּאָסט“ שרייבט, אַז דער פּאַרוואָרף פון אונטערשטיצען רוסלאַנד קאָן צום־ווענינגסטען נוגע זיין פראַנקרייך, ווען אַלע מלוכות וואָלטען געפיהרט אַזאַ פּאָליטיק אין בעצוג צו רוסלאַנד, ווי פראַנקרייך, וואָלט שוין דער רוסישער באָלשעוויזם נישט עקזיסטירט...

די ליבעראַלע „ניו קראָניקל“ דריקט אויס איהר סברא אַז דאָס, וואָס דער מערדער איז אַ רוס, וועט משפיע זיין אויף די וואַהלען אַזוי, אַז די שטימונג פון די וועהלער וועט געלענקט ווערען פון לינקס אויף רעכטס.

בזה האופן וועט דער אַטענטאַט נישט בלייבען אָהן אַ השפעה אויף דער וועלט־פּאָליטיק.

## ראַדיא־בילד פון אטענטאט אויפ׳ן פראנצויזישען פרעזידענט



דער אַרעסט פון אַטענטעטער גאָרגולאָוו

### אלאָרם פון דער ענגלישער פּרעסע

לאָנדאָן, 8. (ספּ. טעל.) אַלע פריהמאָרגען־צייטונגען דריקען אויס זייער עמפּערונג צוליבען (ווייטער זעה 2־טע זייט.)

### דאָס קאמעראל־טעאַטער

אַלע 1. מאַי 2 (פריהער ענגלישער זאל)

איז פון היינטיגען טאָג אָן צו פערדינגען אויף אלערליי טעאַטער־אימפּרעזעס, ראַוטען א.ז.וו. אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ערקונדיגען זיך ביי די אינהאַבער ה. אַפּענבאַך און מ. גרינבלאַט, אַלעע 1־טער מאַי 2.

2988

פּיעטריקאָווער 14

געדענק ! אַז דעם 19־טען מאַי הויבט זיך אָן די ציהונג פון דער 1־טער קלאַס

געדענק ! אַז אַ גרויס גליק וואַרט אויף דיר

געדענק ! אַז ביי דער לעצטער לאָטעריע איז אין מיין גליקליכער קאָלעקטור געפאַלען דאָס געווינס פון 30.000 זל. אויף נומער 89011

געדענק ! קויפען זאָלסטו אַ לאָס נאָר אין דער גליקליכסטער קאָלעקטור פון

# F. BRAJTSZTAJN

PIOTRKOWSKA 14

Tel. 142-47.

טעל. 142-47

געדענק ! מיין אַדרעס, אויב דו ווילסט פטור ווערען פון דאגות

געדענק ! אַז דער הויפּט־געווינס איז 1.000.000 זל.

געדענק ! אַז פאַר אַ קליינע סומע קענסטו רייך ווערען

געדענק ! אַז יעדער צווייטער לאָס געווינט

געדענק ! אַז דורך אונז זענען אַ סך מענשען גליקליך געוואָרען

געדענק ! די צייט איז קורץ, איייל זאָפאָרט אין אונזער קאָלעקטור.

פּיעטריקאָווער 14

לאָדזשער יודישער מוזיק־פעראיין

„שיר“

דינסטאַג, דעם 17־טען מאַי ה. י.

אין „פילהאַרמאָניע“

צום צווייטען מאָל יאָזעף היידענ׳ס

גרויסע אָראַטאָריע

# מעשה בראשית

אונטער דער לייטונג פון

פּראָפ. י. פּיוווישים.

פּרטים—אין ווייטערדיגע אַנאָנסען.

